פרײַז 25 גראָשען XIV-טער יאָהרגאַנג „Należytość pocztowa uiszczona gotówką" „Radomer-Kielcer Leben" (666) 21 הײַנט 8 זײַטען

Radom, dnia 21 Maja 1937 r.
ראַדאָם, פרײַטאָג י"א סיון תרצ"ז
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

פּאַראָווע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע אַלטע שטאָדט 7
פיליעס:
זשעראָמסקי 1
זשעראָמסקי 21
זשעראָמסקי 59
טראַוגוטטאַ 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר

# אײַנלאַדונג צו דער חנוכּת-הבית פײַערונג פון יודישען שפּיטאָל אין ראַדאָם.

זונטאָג דעם 30 מאַי ה. י. קומט ענדליך דער לאַנג - ערוואַרטעטער טאָג ווען דאָס יודישע שפּיטאָל ווערט צוריק געעפענט נאָך אַ גרינדליכען רעמאָנט, וואָס האָט נעקאָסט גענוג געלד און אַרבייט, גענוג מיה און אָנשטרענגונג. זונטאָג דער 30 מאַי וועט זײַן פאַר דער ראַדאָמער יודישער בעפעלקערונג אַ היסטאָריש-פײַערליכער מאָמענט; אין יענעם טאָג וועט זיך אויף ס'נײַ אָנהויבען די ווייטערדיגע פאָרטזעצונג פון דער הערליכער ירושה, וואָס אונזערע אָבות האָבען אונז איבערגעלאָזט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אַט דער נייער און וויכטיגער דאַטע, וואָס טרעט אַרײַן אין אונזער ציבור - לעבען דאָ אויפ'ן אָרט, האָבען מיר דעם כבוד אײַנצולאַדען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג צו קומען אויף דער ערעפנונג און אַנטייל צו נעמען אין דער חנוכּת - הבית - פײַערונג. דאָס יודישע שפּיטאָל איז דער אַלגעמיינער קנין פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג. יעדער איינער האָט משתּיק געווען און געהאָפט אויף דעם טאָג, ווען די טהירען פון שפּיטאָל זאָלען צוריק געעפענט ווערען. דעם 30 מאַי 1937 הויבען אָן אונזערע אַלעמענס האָפנונגען מקוים ווערען. נאָך אַ קאָלאָסאַלען רעמאָנט, ווערט דאָס יודישע שפּיטאָל געעפענט און איבערגעגעבען, אין אַ פּרעכטיגען צושטאַנד, צו דער נוצליכסטער און ערהאַבענסטער לייסטונג לטובת דער שטאָדט.

אויף דעם וועג פערבעטען מיר די גאַנצע היגע יודישע בעפעלקערונג צו קומען זעהן ווי ס'זעהט היינט אויס דאָס יודישע שפּיטאָל, וואָס פאַר אַ כח און אָפּפערווילינקייט ס'איז געוואָרען דערין אַרײַנגעלעגט און גלייכצייטיג זיך בעטייליגען אין דער פײַערליכער ערעפנונג.

מיר האָבען פערבעטען צו דער ערעפנונג הויכגעשטעלטע פּערזענליכקייטען פון דער וואָיעוואָדשאַפט, סטאַראָסטווא, שטאָדט - פערוואַלטונג, חשוב'ע געסט פון וואַרשאַ, פאָרשטעהער פון געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און די פּרעזעסען פון 21 יודישע גמינעס אַרום ראַדאָם.

דאָס פּראָגראַם פון דער פײַערונג זעהט פאַר פאָלגענדען סדר:

זונטאָג אַרום 9 אין דערפרי וועט אָפּגעריכט ווערען אַ גאָטעס-דיענסט אין דער שטאָטישער שוהל; $1^{15}$ נ. מ. די פײַערליכע ערעפנונג אין שפּיטאָל; 3 נ. מ. אַ גאַסט - אויפנאַהמע אין לאָקאַל פון „וועלט-פערבאַנד". טראַוגוטטאַ 55

מיט אַכטונג

די צײַטווײַליגע קהלה-פערוואַלטונג
אין ראַדאָם.

# אײַנלאַדונג

## צו 21 פאָלגענדע יודישע גמינעס אַרום ראַדאָם.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערעפנונג פון יודישען שפּיטאָל אין ראַדאָם, וואָס קומט פאָר זונטאָג דעם 30 מאַי ה. י. ווענדען מיר זיך דאָ מיט דער אײַנלאַדונג צו די יודישע גמינעס פון פאָלגענדע 21 שטעט: אָסטראָוויעץ, אָפּט, ביאַלאָבזשעג, גלאָוואַטשאָוו, גניעווישאָוו, דרילטש, דזשעוויצע, וויערושבניק, זוואָלין, זאַוויכאָסט, ליפּסק, סקאַרזשיסק, סאַנדאָמיערזש (צויזמער) פּשיסכע, פּשיטיק, פּושעדבאָרז, קאָזשעניץ, קינסק, שידלאָוויצע, שעננאַ, אָפּאַטשנאַ.

די דערמאָנטע יודישע קהלות זענען געהאַט פערבעטען געוואָרען אויף אַ קאָנפערענץ חוה"מ פּסח. אַזוי ווי עס איז געקומען אַ קליינע צאָהל דעלעגאַטען, איז בעשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ צווייטע קאָנפערענץ אין טאָג פון דער שפּיטאָל-ערעפנונג.

מיר פערבעטען אייך איצט אויף דער ערעפנונג און צוזאַמען דערמיט אויך אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָרקומען אין זעלבען טאָג מיט די פאָרשטעהער פון די אויבענאויסגערעכענטע יודישע גמינעס.

אויף דער קאָנפערענץ וועלען בעשפּראָכט ווערען אַלערליי ענינים, וואָס וועט אייך אויך פּראָינטערעסירען.

מיט אַכטונג

די צײַטווײַליגע קהלה-פערוואַלטונג
אין ראַדאָם.

טיעף געריהרט שטעהען מיר ביים קבר פון דעם נישט פאַרגעסענעם שוועסטערן-זוהן און קוזין

# אברהם גלאַט נ. ע.

מיר דריקען אויס אַ טרייסט אונזער שוועסטער, מיהמע און באָבע. זאָלען זיי זײַן געשטאַרקט איבערצוטראָגען דעם גרויסען צער.

פאַמיליע בערקאָוויטש
פאַמיליע ישראל מאַנדעל
פאַמיליע פּרץ פּישמאַן

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נײַע גאַרדעראָבעס, שנײַ-ווײַסע פאָרהאַנגען, גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זײַן ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער אַרבייט.
בילינע פּרייזען! פּינקטליכע אויספיהרונג
סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיצ. טעל. 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1, טראַוגוטטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

B. P.

# NOE PRZEDNÓWEK

OBYWATEL i PRZEMYSŁOWIEC miasta RADOMIA

**zmarł po krótkich cierpieniach w dn. 18\V 1937 r.**

**O czem zawiadamia pozostała w głębokim żalu**

**Rodzina**

**w nieobecności jednego z synów**

---

**Wyrazy głębokiego współczucia RODZINIE PRZEDNÓWEK a w szczególności koledze**

**U. Przednówkowi**

**z powodu śmierci ICH OJCA B. P.**

# Noe Przednówek

składa M. Rubinstein

---

# צו די שטאט = צאהלער!

אזוי ווי עס ווערען שוין פונאנדערגעשיקט דערמאנונגען (נאקאזען פלאטניטשעס) צו בעצאהלען דעם קהלה-שטייער פאר'ן יאהר 1937, בעטען מיר אלע שטאט-צאהלער נישט צו צעגערען און נישט אבלעגן אויף שפעטער.

א חוץ דעם, וואס עס ווערט בעשטערט דורכ'ן אבשלעפען דאס נארמאלע פונקציאנירען פון דער גמינע-ווירטשאפט, וועלען די שטאט צאהלער בידים אליין גורם זיין, אז ס'זאל געגען זיי אנגעווענדעט ווערען עגזעקוציע-מיטלען, וועלכע וועלען זיי בעלעסטיגען מיט א בעזונדערען צוגאב-אבצאהל.

מיר בעטען דעריבער דאס צו נעמען אין אכט און נישט דערפיהרען דערצו, אז די גמינע זאל זיך בעדארפען בענוצען מיט צוואנג'ס-מיטלען אום צו איינקאסירען דעם שטאט פאר די קהלה-הצטרכות'ען.

ס'איז נישט קיין ספעציעלע מצווה אויסצווארטען ביז דער לעצטער מינוט, נאר גראד פערקעהרט, ס'איז מעהר יושר צו בעצאלען וואס פריהער דעם שטאט, ארויס'ווייזענדיג פערשטענדניש און פליכט-בעוואוסטזיין פאר די צרכי-הציבור, וואס איז מוטל אויף יעדען איינעם אויסצוהאלטען לפי כוחו.

**די צייטווייליגע קהלה-פערוואלטונג**

**אין ראדאם.**

---

Najlepsze, najmilsze i najtańsze prezenty dla rodziny i przyjaciół

to

**kuchenki, żelazka**

**rzejniki do rurek**

**poduszki i inne.**

Do nabycia na dogodnych warunkach

**w Radomskiem Towarzystwie Elektrycznem**

Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

---

# Z DZWONKIEM

# IDEAL JAWA — DOBRA KAWA

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

**דעם ה' אפרים פשעדנאוועק און זיין פרוי**

צוליב'ן טויט

פון זייער פאטער און שווער

# ר' נח ישכר דוב נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**גאלדבערג, האנדעלסמאן, זיידענוועבער,**

**רסכטמאן, ראפאלאוויטש, ראזען, קלעפפיש.**

---

דער פאמיליע **פשעדנאוועק** און **בלאכארזש**

צוליב'ן טויט פון זייער מאן און פאטער

# נח נ. ע.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען אויס

**לוי און עטא צוקער, פאמיליע גרינשפאן**

**שלמה, משה און הדסה**

---

# דאנקזאגונג.

די אלע, וואס האבען אנטייל גענומען אין אבגעבען דעם לעצטן כבוד אונזער פערשטארבענעם פאטער

# ר' נח ישכר דוב פשעדנאוועק נ. ע.

און בפרט דעם **רבין ר' יאסעלע ראבינאוויטש** און **הרב ר' יחיאל קעסטענבערג** פאר זייערע געהאלטענע הספדים, דריקען מיר אויס, דעם טיפסטען דאנק.

**די אין טרויער-פערבליבענע פאמיליע.**

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

דעם ה' מענדעל טייכמאן

צוליב'ן טויט

פון זיין

פרוי

# איטע נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

די פערוואלטונג פון דער געזעל. **„עזרה"** אין ראדאם

---

# חבר ישראל!

מיר פיהלען דיך מיט אין דיין טרויער

צוליב'ן טויט

פון דיין

שוועסטער

# איטע

א טרייסט זאלסטו געפונען אין דיין געזעלשאפטליכע ארבייט.

**קוטשער, זאלצבערג, גרינשטיין, גאלדשטיין.**

---

# בעקאנטמאכונג! די ברידער האנדעלסמאן

פון פאלגענדע ראדאמער וואורשטען - געשעפטען

**ר' ווייניסקא 1, זשעראמ. 3, סלאוואצ. 22**

מאכען באקאנט דער ראדאמער יודישער באפעלקערונג, אז מיר זענען קאנצעסיאנירט און אונזערע פערשידענע געשמאקהאפטע געריכערטע פליישן ווערען אויסגעארבייט פון אונזער אייגענער שחיטה אונזער פאבריק איז אונטער דער השגחה פון הרב יחיאל הלוי קעסטענבערג

# כשר און גלאט כשר!

די וואורשטען זענען געפלאמבירט און אונטער דעם שטענדיגען אויפזיכט פון ראדאמער בעגלויבטע נאמנים און מנקרים: יוסף דוד שאיעוויץ און שמואל מאלאך.

מיט אכטונג: **די ברידער האנדעלסמאן**

KINO APOLLO

שבת 3³⁰ און זונטאג 12 1⁴⁵

צו בילינע פרייזען

WIERNA RZEKA

według powieści Stefana Żeromskiego

פון מאנטאג א פערדאפעלטער פראגראם

אלס ערשטען פילם

Teodora robi karjerę

אלס צווייטער פילם

BIAŁY TARZAN

ביז זונטאג איינשליסליך

2 הערליכע פילמען — אין איין פראגראם

אלס ערשטער פילם

Zabronione szczęście

מיט מערלע אבעראן

אלס צווייטער פילם

א הערליכע קאמעדיע א. נ.

Nie całuj w kinie

KINO APOLLO



עגזיסטירט 111 יאהר

די בעסטע אנערקענסטע סחורות

— אין קוואליטעט און מוסטער —

K. JANKOWSKI i SYN

Zeromskiego 33 tel. 23-05

האבען זיך ערווארבען די בעסטע מיינונגען ביי אלע
קרייזן פון דער יודישע און פוילישער געזעלשאפט.

צום נייעם סעזאהן

האט די פירמע אויסגעארבייט די שענסטע שטאפען
לויט דער לעצטער מאדערנע צייט.

קומט און איבערצייגט אייך! קומט איבערצייגט אייך!

עגזיסטירט 111 יאהר — עגזיסטירט 111 יאהר



טעאטער „ראזמאיטאשצי" • שבת דעם 22/V 1937 י.

פינקטליך 9 אוונט — קומט פאר —

א פידעל רעציטאל

ספאטיילינגן — ויך: —

שמעון באקמאן

סאליסט פון ווינ-טערטורסקער פיל-הארמאניע אין שווייצאריע

י. באקמאן מיטגליד פון הארש. פילהאר-ארק. און יאשא סאלעצקי קלאויר

אין פראגראם: שאפונגען פון פאגאניני, בעטהאווען, גריעג, אחרון, (חסידישע מעלאדיע) קרעיסלער, דוואראק, קאכאנסקי א. א.


# עפענטליכע ווענדונג

## צום שניידער-צעך וויטאלדא 10

אין צוזאמענהאנג מיט דער אויפפאדערונג פון ה' שניידער דורכ'ן „ראדאמער לעבען" צו שטעלען זיך צו אנ'עהרען געריכט דעם 2-טען מאי ד. י. האב איך זיך געווענדעט בריפליך צום ה' שניידער און געמאלדען, אז כ'שטעל זיך צום געריכט אונטער די באדינגונגען: 1) ער זאל מיר מעלדן אין וואס איך ווער בעשולדיגט און 2) דאס געריכט זאל פארקומען נישט אין שניידער-צעך, נאר אין א נייטראל ארט.

און עס איז פארביי 2 וואכען און אט האב איך דערהאלטן אנ'ענטפער נאר נישט פון ה' שניידער, נאר פון... שניידער-צעך וויטאלדא 10. מיט'ן אונטערשריפט פון סעקרעטארי ה' מ. רובינשטיין, מיט אנ'אינהאלט וואס פאסט נאר פאר זיי! מענטשען געזעלשאפטליך נישט פעראנטווארטליכע.

און איצט ווענד איך זיך צו דער פערוואלטונג פון שניידער-צעך, צי זענט איר גרייט צוריק צו ציהען דעם דאזיגן „בריוו" דורך דער פרעסע אין משך פון 7 טעג. אין געגענפאל וועל איך איבערגעבען דעם בריוו צו די אינסטאנצען, וועלכע זענען דערצו בארופען.

וואס שייך דעם ה' שניידער ערקלער איך, אז דאס וואס כ'האב געזאגט אויף דער אלגעמיינער שניידער-פערזאמלונג און שפעטער דאס זעלבע אין דער רעזורע פון ה' גרינשטיין בין איך ווייטער גרייט עס צו בעשטעטיגען אויפ'ן סמך פון עדות פון די געוועזענע פערוואלטונגען פון שניידער - צעך.

שמואל ווײנשטאק.


MILIONY KOBIET NA CAŁYM ŚWIECIE

STOSUJE SŁAWNE KOSMETYKI

CÉDIB

PARIS

•PUDRY•KREMY•TUSZ DO RZĘS POMADKA DO UST •RÓŻ MLECZKA•

Żądajcie w najbliższej perfumerii lub drogerii bezpłatnej broszury Cédib o indywidualnej i racjonalnej pielęgnacji skóry.


# דאנקזאגונג.

דעם אויפריכטיגסטען און הערצליכסטען דאנק דריקן מיר אויס דעם בעקאנטען פעלדשער ה' ס. צימערמאן פון זשעראמסקי 3, פאר זיין איבערגעגעבענער ארבייט ביים אבראטעווען פון א לעבענס-געפאהר אונזער חבר מענדעל גאלדשטיין פון זשעראמסקי 2.

אין מיטן דערנאכט, ווען יעדע רגע האט געדראהט מיט א גרויסע סכנה, איז ה' צימערמאן געקומען תיכף אויפ'ן ערשטען רוף און מיט מסירת נפש דערהאלטען אונזער חבר ביים לעבען. זיין איינגעזעצטע הילף איז שפעטער אנערקענט געווארן פון די דאקטוירים, אלס ערפאלגרייך. מיר ווינשען דעם ה' צימערמאן ווייטערדיגען ערפאלג און הצלחה אין זיין ארבייט.

דער שניידער - צעך
ביים האנדווערקער-פערבאנד פון וויטאלדא 10.


Kino ADRIA

שבת דעם 22טן 12 און 2 אז.
זונטאג דעם 23-טען 1 און אז.

פריהמארגען = פילמען

צו בילינע פרייזען

piękny film p. t.

Ty, co w Ostrej świecisz bramie

w rolach głównych:
Bogda, Żelichowska, Cybulski.

נאר ביזונטאג דעם 23 מאי איינש.

Kino ADRIA

Do niedzieli dnia 23 maja wielki podwójny program

„Janosik - Hetman zbójnicki"

2. Wesoła komedja muzyczna p. t.

„KONFETTI"



TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr. w tekscie mm 1 szp. 60 gr. na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr. 1-sza i ostatnia strona liczą 8 szpalt.

אבאנאמענטס פרייז: פאר'ן הויז אין שטאט 1 זלאט אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק אין אנדערע לענדער 30 סענט

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. tel. 15-18 .טעל Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom szwerlikowska 90